

Reïzl Zychlinsky évoque les dunes de sable…

## Le chameau - Vert est le fleuve

## Chaussons rouges - Hôpital

# *Portes muettes* de Reïzl Zychlinsky

***Ce recueil de Reïzl Zychlinski paraît en yiddish, en 1962 sous le titre* Chvaïgndikè Tirn. Portes muettes, *la version française a été traduite et préfacée par Rachel Ertel.***

***Certains de ces poèmes évoquent des éléments naturels dont* Vert est le fleuve.**

## Poème n°1 : *Le chameau*, extrait de la 2ème section « En feuilletant l'automne »

איך בין נישט געווען אין מדבר,
איך האָב נאָר געזען דעם קעמל,
קען איך דעם מדבר.

איך האָב געזען זיינע טרוקענע פיס,
קען איך די זאַמדן.

איך האָב אָנגערירט זיין הויקער —
קען איך די בערגלעך פונדערווייטנס.

איך קען די ווינטיקע, איינזאַמע שלעסער,
דער קעמל האָט צו מיר אויסגעדרייט
זיין האַלדז.

Je n'ai jamais été dans le désert,
j'ai seulement vu le chameau
et je connais le désert.

J'ai vu ses sabots secs
et je connais les sables.

J'ai touché sa bosse –
et je connais les dunes au loin.

Je connais les palais de vent et de solitude,
le chameau a tourné vers moi
son cou.

## Poème n°2 : *Vert est le fleuve*, extrait de la 5ème section « De la route vient un mendiant »

גרין איז דער טייך,
און ווו ענדיקט ער זיך ?
מיינע שיך וואַרטן ביים ברעג.
און אפשר זיינען זיי פייגל ?
אין וואַסער פּלאַפּלען די פיש —
אַ וואָלקן כאַכעט אין ווינט.
און אפשר זיינען זיי פייגל ? —

Vert est le fleuve
où s'arrêtent ses eaux ?
Mes souliers m'attendent sur la rive.
Peut-être sont-ils des oiseaux ?
Dans l'eau clapotent les poissons –
des nuages rient dans le vent.
Peut-être sont-ils des oiseaux ?

## Poème n°3 : *Chaussons rouges,* extrait de la 5ème section « De la route vient un mendiant »

כ'בין געגאַנגען אין מאַרק אַריין
קויפן זיך גרינע פרי־מאָרגן לאַטשן,
טראָג איך אַהיים
רויטע לאַטשן.
דער קרעמער האָט געוואָלט אַזוי —
זיין געלער, קרומער צאָן.

J'étais allée au marché
acheter des chaussons verts,
je rapporte à la maison
des chaussons rouges
C'est le vendeur qui l'a voulu,
sa dent jaune de travers dans sa bouche.

## Poème n°4 : *Hôpital*, extrait de la 1ère section « Murs »

דער ווינט וועט היינט אַוועקבלאָזן
דעם שפּיטאָל :
די ווייסע ליילעכער מיט וווּנדן,
די קראַנקע שיך, וואָס ליגן
אונטער בעטן,
אין די טיפע טאָלן פון די שאָטנס.
ער וועט אויסלעשן אַלע וועלקנדיקע הענט
אין וואַכע נעכט,
אַלע גערוישן אין אָפענע אויגן.
בלייבן וועלן נאָר די בלומען —
שטומע שליחים פון דער ערד.

Le vent emportera
aujourd'hui l'hôpital ;
les draps blancs avec leurs plaies,
Les chaussures malades qui gisent
sous les lits,
dans les vallées profondes des ombres.
Il éteindra toutes les mains qui se fanent
dans les nuits sans sommeil,
tous les bruissements des yeux ouverts.
Ne resteront que les fleurs-
messagers muets de la terre.

---

**Source :** *Portes muettes*, Reïzl Zychlinsky, traduit du yiddish et préfacé par Rachel Ertel, (L'improviste, 2007)